**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/27/2021 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט ערשטער רונדע געווינער פאר נייע 'וואקסיניר, אינפארמיר, גראדואיר' וואקסין אינצענטיוו פראגראם פאר 5 ביז 11 יעריגע צו געווינען א פולן SUNY אדער CUNY סקאָלערשיפ**

***עלטערן און אויפציער פון 5 ביז 11 יעריגע וואס באקומען זייער ערשטע וואקסין דאזע ביז דעצעמבער 19'טן קענען זיך איינשרייבן אין דעם גורל [דא]()***

***סקאָלערשיפ רעכנט אריין שטודיר קאסטן און קווארטיר***

***10 געווינער פער וואך פאר פינף וואכן מיט ערשטע געווינער אנאנסירט נאוועמבער 24'סטן; גורל סקעדזשול צו באקומען [דא]()***

***בילד צו באקומען [דא]()***

היינט האט גאווערנער האקול אנאנסירט 10 געווינער פון ניו יארק'ס 'וואקסיניר, אינפארמיר, גראדואיר' וואקסין אינצענטיוו פראגראם. דער גאווערנער האט אויך פערזענליך גערופן עטליכע עלטערן מיטצוטיילן אירע גראטולירונגען אז זייער קינד וועט קענען שטודירן ביי SUNY אדער CUNY מיט א סקאָלערשיפ.

"דער 'וואקסיניר, אינפארמיר, גראדואיר' פראגראם באזארגט די לעבנס-ענדערנדע געלעגנהייט פאר יונגע ניו יארקער צו געווינען אומזיסטע שטודיר קאסטן צו א SUNY אדער CUNY קאלעדזש אדער אוניווערסיטעט," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אזוי ווי מיר לאזן זיך אריין אין דעם האָלידעי סעזאן און עס שטייגט די ריזיקע פון טראנסמיסיע, איז אבסאלוט קריטיש-וויכטיג אז מיר זאלן ווייטער שטיין אויפ'ן וואך. דער וואקסין איז די זיכערסטע וועג צו האלטן אייך און אייערע באליבטע זיכער — עס איז אומזיסט, גרינג צוגענגליך, און דאס וויכטיגסטע, עס איז זיכער פאר פינף ביז 11-יעריגע קינדער."

עלטערן און אויפציער פון קינדער אין די עלטער פון 5 ביז 11 וואס באקומען זייער ערשטער וואקסין דאזע ביז דעצעמבער 19'טן קענען זיך איינשרייבן אין דעם 'וואקסיניר, אינפארמיר, גראדואיר' אינצענטיוו פראגראם פאר א געלעגנהייט צו געווינען א פולן סקאָלערשיפ צו סיי וועלכע פון צוויי אדער פיר-יעריגע SUNY אדער CUNY קאלעדזש אדער אוניווערסיטעט פאר זייער קינד. די סקאָלערשיפ רעכנט אריין שטודיר קאסטן און קווארטיר.

געווינער פון די סטעיט'ס אינצענטיוו פראגראם וועלן באקומען צוויי אדער פיר יאר פון פול-צייטיגע שטודירונג אין סיי וועלכע SUNY אדער CUNY אסאסיעט אדער באקלאווראט דעגרי פראגראם, וועלכע רעכנט אריין די פאלגענדע:

- **שטודיר קאסטן:** די פולע סומע פון אינערן-סטעיט שטודיר קאסטן ביי א ניו יארק סטעיט אדער ניו יארק סיטי אוניווערסיטעט.
- **אנדערע קאסטן:** קווארטיר קאסטן מיט צוגעגעבענע סומעס פאר בוכער, געצייג, און טראנספארטאציע ביז דער דורכשניטליכער סומע וואס עס קאסט ביי SUNY קאלעדזשעס.
- **וואוינונג:** סטודענטן וועלכע וואוינען אויפ׳ן קאמפוס וועלן באקומען א העכערע סומע פאר קווארטיר ווי קאָמיוטער סטודענטן. אויב עס איז נישט דא צו באקומען האָוזינג פאר סטודענטן אויפ׳ן קאמפוס, וועלן זיי באקומען די זעלבע סומע ווי סטודענטן וועלכע וואוינען אויפ׳ן קאמפוס.

אונטן איז א ליסטע פון געווינער. אנדערע אידענטיפיצירנדע אינפארמאציע ווערט נישט געגעבן כדי צו באשיצן די פריוואטקייט פון סטודענטן.

- **סעסיליע עס.** - ברום קאונטי
- **אייווען ווי.** - ניו יארק סיטי
- **אנדרעאס בי.** - נעסאוי קאונטי
- **דזשוליעט די.** - וועסטשעסטער קאונטי
- **קריס ענזען בי.** - ניו יארק סיטי
- **דזשאסעלין אר.** - מאנראו קאונטי
- **אווען עס.** - קווינס קאונטי
- **לילי אר.** - אלבאני קאונטי
- **עליזאבעט אי.** - ערי קאונטי
- **טריסטען סי.** - קווינס קאונטי

**CUNY קאנצעלאר פעליקס וו. מאטאס ראדריגעז האט געזאגט,** "קאנגראטולאציעס צו די ערשטע געווינער פון דעם ׳וואקסינער, אינפארמיר, גראדואיר׳ פראגראם, יונגע ניו יארקער וואס זענען איצט באשיצט קעגן קאָוויד-19 און האבן אויך אן אומשאצבארע סקאָלערשיפ וואס ווארט אויף זיי. מיר לויבן די עלטערן און אויפציער לענגאויס ניו יארק וואס האבן שוין געלאזט וואקסינירן זייערע קינדער, און דערמוטיגן אנדערע צו נעמען דעם וויכטיגן טריט אין אונזערע אנגייענדע ארבעט צו דערשלאגן דער פאנדעמיע. מיר דאנקען גאווערנער האקול פאר לאזן וויסן די גרויסע ווערד פון באשיצן אונזערע קינדער."

**SUNY קאנצעלאר דזשים מאלאטראס האט געזאגט,** "וואקסינאציעס זענען די שליסל צו ענדיגן דער פאנדעמיע, און דערפאר אפלאדיר איך גאווערנער האקול פאר איר פירערשאפט אין שאפן אינצענטיוון עס זאלן אנקומען מער איינשפריצן אין די ארעמעס פון ניו יארקער. דער ׳וואקסיניר, אינפארמיר, גראדואיר׳ וואקסין סקאָלערשיפ אינצענטיוו פראגראם טוט געווי דאס דורך אנבאטן א דערהייטערנדע געלעגנהייט צו באקומען אומזיסטע שטודיר קאסטן מיט קווארטיר ביי איינע פון אונזערע גרויסע SUNY סקולס. איך גראטוליר אלע ערשטע רונדע געווינער און איך דאנק גאווערנער האקול פאר פארזעצן ניו יארק׳ס קאמף קעגן דעם דאזיגן ווירוס."

**ניו יארק סטעיט העכערע עדיוקעישן סערוויסעס קארפארעישען פרעזידענט דר. גיערמא לינארעס האט געזאגט,** "קאנגראטולאציעס צו די ערשטע צען געווינער פון דעם ׳וואקסיניר, אינפארמיר, גראדואיר׳ וואקסין סקאָלערשיפ אינצענטיוו פראגראם אויפ׳ן באקומען איינע פון פופציג סקאָלערשיפס! פארזיכערן אז אלע קינדער אין סקול יארן האבן די געלעגנהייט צו ווערן פולשטענדיג וואקסינירט איז א גרויסער טריט צו געווינען דעם קאמף קעגן דעם קאראנעווייירוס. דער וויכטיגער פראגראם העלפט אפהאלטן דער פארשפרייטונג, און אין דער זעלבער צייט ערלויבט פאר קינדער 5 ביז 11 יאר צו זיין בארעכטיגט פאר א שאנס צו געווינען א פולקאמע סקאָלערשיפ צו איינע פון ניו יארק׳ס ערשטראנקיגע אינסטיטוציע."

עלטערן און אויפּציער קענען זיך איינשרייבן אין נאמען פון זייערע קינדער דא און די וועלכע האבן נישט קיין אינטערנעט צוטריט קענען רופן 1-833-697-4829 זיך איינצושרייבן דורכ׳ן טעלעפאן. ניו יארק סטעיט וועט אדמיניסטרירן דעם גורל יעדע וואך, און געווינער וועלן ווערן פעסטגעשטעלט דורך דער ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט און ניו יארק סטעיט העכערע עדיוקעישן סערוויסעס קארפארעישען.

בלויז איין איינטריט פער קינד וועט ווערן אנגענומען, און קינדער מוז האבן באקומען זייער ערשטע קאָוויד-19 וואקסינאציע ווייניגסטנס איין טאג פאר׳ן זיך איינשרייבן. איינגעשריבענע נעמען וועלן אריבערגעפירט ווערן צו אלע ׳וואקסיניר, אינפארמיר, גראדויר׳ פראגראם׳ס גורלות. נאך אינפארמאציע איז צו באקומען אין די עמטליכע כללים.

עלטערן און אויפּציער ווערן אויך דערמוטיגט צו באזוכן די סטעיט׳ס נייע וועבזייטל, פאר אינפארמאציע, אפּט געפרעגטע פראגעס און נייע הילפס-מיטלען איבער דעם קאוויד-19 וואקסין פאר קינדער. דער סטעיט האט לעצטנס צוגעלייגט גרייט-געמאכטע מאטעריאלן צו שטיצן פעדיאטריק פראָווײדערס און ארטיגע אינסטאנצן צו אדמיניסטרירן דעם וואקסין צו קינדער אויפ׳ן פלאץ, אריינגערעכנט נייע פלאקאטן און סטיקערס צו באקומען דא.

ניו יארקערס וואס זוכן צו באשטימען א צייט פאר וואקסין אפוינטמענטס פאר 5 ביז 11-יעריגע קינדער ווערן דערמוטיגט זיך צו פארבינדן מיט זייערע קינד׳ס פעדיאַטרישען, פאמיליע דאקטער, קאונטי העלט דעפארטמענטס, פעדעראל-קוואליפיצירטע העלט צענטערס (FQHC׳ס), רורעל העלט צענטערס, אדער פאַרמאַסיס וועלכע טוען מעגליך אדמיניסטרירן דעם וואקסין פאר דער עלטער גרופע. עלטערן און אויפּציער קענען אויך באזוכן vaccines.gov, טעקסט׳ן זייער זיפ קאוד צו 438829, אדער רופן 1-800-232-0233 צו געפונען לאקאציעס נעבן זיי. מאכט זיכער אז דער פראָווײדער טוט אנבאטן דעם פפייזער-בייאָענטעק קאוויד-19 וואקסין, ווייל די אנדערע קאוויד-19 וואקסינען זענען נאכנישט אויטאריזירט פאר דער עלטער גרופע. צו דער איצטיגער צייט ווערן ניו יארק סטעיט׳ס מאסן וואקסינאציע ערטער געניצט נאר פאר מענטשן פון 12 יאר און העכער, און אונזערע #VaxtoSchool פאַפּ-אָפּס קאנצענטרירן זיך אויף 12 ביז 17-יעריגע. נאך פראגראמען און פארקומענישן פאקוסירט אויף 5 ביז 11-יעריגע וועלן באלד געמאלדן ווערן.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418